# פרשת לך לך ז׳ - י״ג חשון תשפ״א לפ״ק

***יום ראשון פרשת לך לך***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט״א** תפלין לבן הר״ר **קלמן ראזענטאהל** הי״ו. אחר התפלה התקיים הברית של בן הר״ר **אברהם שמואל זינגער** הי״ו. **רבינו שליט״א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם.

אחר הברית הסיב **רבינו שליט״א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה. אחר כך הסיב **רבינו שליט״א** לסעודת הברית, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**די** וואך איז די פרשה פון ברית מילה, דער אייבערשטער האט געזאגט פאר אברהם אבינו (בראשית יז-א), התהלך לפני, דו זאלסט גיין פאר מיר, והיה תמים, און דו וועסט זיין גאנץ, ואתנה בריתי ביני ובינך, און איך וועל געבן מיין ברית צווישן מיר און דיר. ערלה איז דער חלק הרע, א חלק וואס געהערט פאר די קליפות, און ווילאנג עס ליגט אויפן מענטש, איז דער מענטש נישט תמים, ער איז נישט גאנץ, עס פעלט אים אין זיין שלימות. איך וועל דיר געבן די מצוה פון ברית מילה, והיה תמים, וועסטו קענען זיין תמים.

**עס** קען זיין אז דער פשט דערפון איז. עס שטייט אין **בעלי תוספות** (ריש פרשת משפטים) א מעשה באריכות, די תמצית הדברים איז, אז עס איז געווען איינער פון א קעניגליכע משפחה, און ער האט געזאגט פארן קעניג, אז ער וויל גיין לערנען די תורה פון יודען, כדי צו לערנען נאך א חכמה. און דער קעניג האט אים געגעבן רעכט אז ער קען אוועקגיין. און ער איז געגאנגען, און ער האט זיך מגייר געווען. ווען ער איז צוריקגעקומען האט אים דער מלך געפרעגט, מילא דו האסט געוואלט לערנען זייער חכמה, האב איך פארשטאנען, אבער פארוואס ביסטו געגאנגען און דו האסט זיך מגייר געווען, און זיך גע׳מל׳ט. האט ער אים געענטפערט אז אין פסוק (תהלים קמז-יט) שטייט, מגיד דבריו ליעקב חוקיו ומשפטיו לישראל, צו פארשטייין תורה דארף מען זיין גע׳מל׳ט אזוי ווי יעקב וואס איז מהול. ׳מגיד דבריו׳, דער אייבערשטער זאגט זיינע ווערטער, ׳ליעקב׳, ווען איינער איז גע׳מל׳ט אזוי ווי יעקב. דו האסט מיר געגעבן רשות איך זאל לערנען זייער חכמה, אבער מען קען נישט פארשטיין זייער חכמה, ביז מען מל׳ט זיך נישט קודם. האב איך זיך געמוזט מל׳ן כדי איך זאל קענען פארשטיין חכמת התורה.

**און** מען זעהט אזוי במציאות. א גוי קען נישט לערנען וואס ביי אונז קען א קינד לערנען אין חדר. פארשטיין א תוספות, א קשיא, מיט א תירוץ, מיט א קצות, מיט א רמב״ם, ער קען עס נישט משיג זיין. ביי אונז אפילו א קליין קינד קען עס אויך פארשטיין. ווייל תורה איז קדושה, און א יוד וואס איז גע׳מל׳ט האט אין זיך די מעגליכקייט ער זאל קענען מקבל זיין תורה. האט ער אים געברענגט דעם פסוק מגיד דבריו ליעקב, חוקיו ומשפטיו לישראל.

**ווען** מען קוקט אין תהלים זעהט מען, אז די ווארט ׳דבריו׳, איז געשריבן אן א יו״ד, און דער קרי איז מיט א יו״ד. עס איז געשריבען מגיד ׳דברו׳, נאר אונז לייין מיר עס דבריו, אזוי ווי עס וואלט געווען א יו״ד אינווייניג. דברו איז טייטש זיין ווארט, דבריו איז טייטש מערערע ווערטער. תורה שבכתב קען א גוי אויך פארשטיין, עס איז דא גוים וואס קענען חומש. אבער צו פארשטייין תורה שבעל פה, וואס עס ליגט אין די תורה, און וואס מען איז זוכה מיט תורה, כל הלומד תורה לשמה מגלין לו רזי תורה, ונעשה כמעיין המתגבר וכנהר שאינו פוסק (אבות ו-א), אז פון איין ווארט תורה, איז דא תילי תילין של הלכות אויף יעדן קוץ, דאס קען נישט פארשטייין נאר איינער וואס איז גע׳מל׳ט. דברו, דאס ווארט אליין, דארף מען נישט זיין א יעקב, תורה שבכתב קען יעדער פארשטיין. אבער פון א דברו זאל קענען ווערן דבריו, אז מען זאל קענען מרחיב זיין די תורה, אז מען זאל קענען פארשטיין, די תילי תילין של הלכות וואס איז דא אין יעדן קוץ של תורה, דאס איז נאר ליעקב, דאס איז נאר דא ביי א יוד.

**אברהם** אבינו האט ביז יעצט אויך געלערנט תורה, און ער האט מקיים געווען אלע מצות התורה. עקב אשר שמע אברהם בקולי (בראשית כו-ה), זאגט די גמרא (יומא כח:), אברהם האט מקיים געווען כל המצות. אבער ער איז דאך נישט געווען גע׳מל׳ט, האט דאך אים געפעלט עפעס א חלק פון תורה ביז

יעצט. האט אים דער אייבערשטער געזאגט, התהלך לפני והיה תמים, דו זאלסט זיך מל'ן, ואתנה בריתי ביני וביניך. תורה ווערט אויך אנגערופן ברית, שני לוחות הברית (דברים ט-טו). ואתנה בריתי גייט נישט ארויף אויף ברית מילה, נאר אז דו וועסט זיך מל'ן, התהלך לפני והיה תמים, איז ואתנה, וועל איך דיר געבן, בריתי, מיין תורה. די קדושת התורה, וועט זיין ביני וביניך, צווישן מיר און דיר. ווייל דורך מילה קען מען זוכה זיין צו תורה.

**ווען** מען ברענגט אריין א קינד לבריתו של אברהם אבינו, וואונטשט מען אן פארן טאטען, כשם שנכנס לברית כן יכנס לתורה, ווילאנג עס איז נישט געווען א ברית קען ער אים נישט מכניס זיין לתורה, ער וועט נישט פארשטיין קיין תורה. כשם שנכנס לברית, אז דו האסט אים מכניס געווען לברית, איז ער דאך א יעקב, יעצט קען זיין מגיד דבריו ליעקב, יעצט קען ער אים מכניס זיין לתורה.

*

בשעות אחר הצהרים מסר **רבינו שליט"א** שיעור היומי בשלחן ערוך לתלמידי הישיבה גדולה.

בשעות הערב הגיע **רבינו שליט"א** לסידור קידושין אצל חופה של החתן **אליהו** נ"י בן הר"ר **שלמה שיין** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **פנחס יוסף ניישטאדט** הי"ו, שהתקיים באולם כתר ריזל.

אחר החופה נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק לניחום אבלים אצל משפחת קאגעל שיחיו, שישבו שבעה על פטירת אמם ע"ה (אלמנת הר"ר **שמחה קאגעל** ע"ה).

אחר כך מסר **רבינו שליט"א** שיעורו השבועי בשולחן ערוך (או"ח הל' ברכת הפירות, סימן ר"ב סעיף א') בבית מדרשנו בבארא פארק. אחר השיעור השמיע **רבינו שליט"א** חלק מהדברי תורה שאמר בסעודה שלישית בשבוע העעל"ט.

***<u>וזה תוכן הדברי תורה:</u>***

**מען** געפונט די פאריגע וואך אין די פרשה (ז-א), אז דער אייבערשטער האט געזאגט פאר נח, בא אל התיבה, קום אריין אין די תיבה, כי אותך ראיתי צדיק לפני בדור הזה, ווייל דיך האב איך געזעהן אז דו ביסט א צדיק. איך גיי ברענגען א מבול אויף די וועלט, און דו וועסט איבערבלייבן. רש"י שטעלט זיך, אז פריער שטייט אין פסוק (ו-ט) נח איש 'צדיק תמים' היה בדורותיו, ער איז געווען א צדיק תמים, און דער אייבערשטער האט אים נאר געזאגט כי אותך ראיתי 'צדיק' לפני, און נישט א צדיק תמים. רש"י ברענגט צו א גמרא (עירובין יח:), מקצת שבחו של אדם בפניו, וכולו שלא בפניו, און דא אז דער אייבערשטער האט גערעדט בפניו, האט ער נאר געזאגט, כי אותך ראיתי צדיק לפני.

**אין** זוהר הק' (ח"א סז:) שטייט, אז אין הימל איז געווען א תלונה אויף נח, אז ער האט נישט מתפלל געווען על בני דורו. פאר משה רבינו האט אויך דער אייבערשטער געזאגט (שמות לב-י) איך גיי מכלה זיין גאנץ כלל ישראל, ואעשה אותך לגוי גדול, ויחל משה את פני ה' אלקיו, און ער האט געזאגט ועתה אם תשא חטאתם, ואם אין מחני נא מספרך, איך בין נישט מסכים אז מען וועט יעדן מכלה זיין, און איך וועל בלייבן. און נח האט נישט אזוי געטון. זאגט דער זוהר הק' אז עס איז געווען א תביעה אויף נח, פארוואס ער האט נישט מתפלל געווען על בני דורו.

**דער חתם סופר** (בפרשתנו כב:) גיט צו, און ער זאגט, אז דער מדרש (ב"ר לד-ח) זאגט, אז דער משפט פונעם דור המבול איז געווען צוועלף חדשים, ווייל משפט רשעים בגיהנם איז י"ב חדשים (עדיות ב-ט). פרעגט ער, אויף וועם איז געווען דער משפט פונעם מבול י"ב חודש. די אלע מענטשען זענען דאך געשטארבען אין איין רגע. עס איז געקומען א מבול, און זיי זענען דערטראנקען געווארן. דאס וואס עס איז שפעטער געווען וואסער, און עס האט גענומען ביז די וואסער איז צוריקגעגאנגען, דאס האט נישט צו טון מיט די מענטשען פונעם דור המבול. וואס מיינט אז די משפט פונעם דור המבול איז געווען י"ב חודש.

**זאגט** דער חתם סופר, הרבה דרכים למקום, דער אייבערשטער האט געקענט מציל זיין נח אויף אסאך ערליי וועגן, און דער אייבערשטער האט אים געהייסען אז ער זאל גיין אין א תיבה. און דאס איז געווען א גרויסע פלאג פאר נח, צו זיצען אין א תיבה א גאנץ יאר, אזוי ווי אין א תפיסה. ער איז געווען איינגעשפארט ער האט נישט געקענט ארויסגיין, ער

האט זיך געדארפט מטפל זיין צופרי און ביינאכט צו געבן צו עסן פאר אלע בעלי חיים וואס זענען געווען דארט, ווי רש"י ברענגט צו אז הכישו ארי. פארוואס איז זיך געקומען פאר נח אזא פלאג. זאגט דער חתם סופר, ווייל ער האט געדארפט האבן א תיקון אויף דעם וואס ער האט נישט מתפלל געווען אויף זיין דור, אויף דעם ארויף איז ער געווען איינגעשפארט.

**ווען** מען זאגט אז דער משפט פונעם דור המבול איז געווען י"ב חודש, מיינט עס דעם משפט פון נח. נח האט אויך געהאט א חלק אינעם מבול. ווען ער וואלט מתפלל געווען, וואלט נישט געווען א מבול. האט ער געדארפט אפקומען, זיצען י"ב חודש אין א תיבה, דאס איז געווען די משפט פאר נח.

**עס** שטייט פונעם **אר"י הק'**, אז פאר דעם שטייט אין פסוק אין די הפטורה (ישעיה נד-ט), כי מי נח זאת לי, דאס איז וואסער פון נח. וואס האט עס צו טון מיט נח? די וואסער איז געקומען וועגן דעם דור המבול, און נח איז דאך ניצל געווארן פון דעם מים. נאר מי נח, ער איז שולדיג אויף די מים, ווייל ער האט נישט מתפלל געווען על בני דורו.

**קומט** אויס, אז נח איז באמת געווען א צדיק גמור, א צדיק תמים. בדורותיו, ווי אזוי מען מעסט א מענטש אין די דורות, האט מען נישט געטראפן אויף אים קיין שום נדנוד חטא וואס ער האט געהאט. דאס וואס ער האט נישט מתפלל געווען על בני דורו, דאס איז נישט א עבירה, וועגן דעם איז מען נאך אלץ א צדיק תמים. ווען דער משפט קומט אבער פארן אייבערשטען, וואס וסביביו נשערה מאד (תהלים נ-ג), און דער אייבערשטער מאכט א חשבון אפילו אויף א קלייניגקייט פון א צדיק, האט דער אייבערשטער געהאט א תביעה אויף נח, פארוואס ער האט נישט מתפלל געווען אויף זיין דור. און דער באשעפער האט אים מעניש געווען, גיי אריין אין א תיבה, און א יאר זאלסטו זיצען דארט, ווייל דו האסט נישט מתפלל געווען. דער אייבערשטער האט אים נישט אנגערופן אז ער איז א צדיק תמים, ווייל ביים אייבערשטער איז ער נישט געווען תמים. ווייל ער האט געהאט א פגם אז ער האט נישט מתפלל געווען על בני דורו. נח איש צדיק תמים היה 'בדורותיו', אויף די וועלט, ווי אזוי מען מעסט א מענטש, איז ער געווען א צדיק תמים. דער אייבערשטער האט אים אבער געזאגט, כי אותך ראיתי צדיק לפני, ביי מיר ביסטו נישט קיין צדיק תמים, ווייל דו האסט נישט מתפלל געווען. און דו דארפסט האבן א תיקון אויף דעם וואס דו האסט נישט מתפלל געווען. 'בא אל התיבה', קום אריין אין די תיבה, 'כי אותך ראיתי צדיק לפני', ווייל דו ביסט נישט קיין צדיק תמים, און די תיבה דאס וועט זיין דער עונש פאר דיר, אויף דעם וואס דו האסט נישט מתפלל געווען על בני דורו.

*

**עס** שטייט אין **שפת אמת**, אז תפלה איז דאך ווערטער וואס מען זאגט ביים דאווענען. עס איז דא אותיות און עס איז דא ווערטער. די אותיות ווערן אנגערופן אותיות, און די ווערטער ווערן אנגערופן תיבה. זאגט ער, 'צוהר תעשה לתיבה' (ו-טז), צוהר איז א לשון פון ליכטיגקייט. ווען א יוד דאווענט, דארף ער זעהן אריינצולייגען א ליכטיגקייט אינם דאווענען, דאס דאווענען זאל לייכטען בי דיר. דו זאלסט זיין אינווייניג מיטן גאנצן פנימיות בשעת דו דאווענסט, נישט מן השפה ולחוץ.

**איך** האב געזעהן שטיין פון **רבי מענדלע לינסקער**, דער פסוק זאגט, וירבו המים וישאו את התיבה ותרם מעל הארץ (ז-יז), עס איז געווען אסאך וואסער, און עס האט אויפגעהויבן די תיבה, און עס איז ארויף פון די ערד. זאגט ער אויך מיטן זעלבן געדאנק. ווען א מענטש וויל דאווענען ערליך, דארף ער עפעס לערנען פארן דאווענען, דאס לערנען פארן דאווענען דאס איז מזכך דעם מענטש, אז די תפלה וואס ער דאווענט נאכדעם, זאל ווערן אנגענומען. זאגט ער, וואסער איז א רמז אויף תורה, אין מים אלא תורה (בבא קמא יז.). 'וירבו המים', ווען א מענטש איז מרבה און ער לערנט פארן דאווענען, דעמאלטס 'וישאו את התיבה', הייבט עס אויף זיינע ווערטער פונעם דאווענען, 'ותרם מעל הארץ', ער הייבט זיך אויף פון די ערד בשעת ער דאווענט.

**און** כפשוטו, עס איז א ענין מען זאל זיך טובל'ן פארן דאווענען. מקוה איז מטהר דעם מענטש, עס איז מזכך דעם מענטש כדי ער זאל קענען דאווענען בטהרה. 'וירבו המים', אז מען טובלט זיך אינעם וואסער פארן דאווענען, דאס ברענגט צו אז 'וישאו

את התיבה', דאס הייבט אויף די ווערטער פונעם דאווענען, ותרם מעל הארץ. - על כל פנים זעהט מען אז זיי האבן געטייטשט תיבה, איז די ווערטער פונעם דאווענען.

**דער** אייבערשטער האט געהאט אסאך וועגן מציל צו זיין נח. נח האט אבער געהאט א חטא, אז ער האט נישט מתפלל געווען אויף זיין דור, האט אים דער אייבערשטער אריינגעלייגט אין א תיבה, א תיבה איז דאך ווערטער, כדי ער זאל געדענקען דעם גאנצן יאר, אז ער האט נישט מתפלל געווען אויפן דור. וועגן דעם איז 'בא אל התיבה', דו זאלסט אריינקומען אין די תיבה, וואס 'תיבה' וועט דיר דערמאנען די ענין פון תפלה, תיבה איז דאך די ווערטער פונעם דאווענען. ווייל 'כי אותך ראיתי צדיק לפני', דו ביסט נישט קיין צדיק תמים, ווייל דו האסט נישט מתפלל געווען אויף דיין דור.

*

אחר השיעור חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל החתונה של בן הר"ר **שלמה שיין** הי"ו. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***<u>יום שני פרשת לך לך</u>***

אחר תפלת שחרית התקיים הברית של בן הר"ר **אליקים געציל פאלקאוויטש** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית השתתף בהסעודה, ונשא מדברותיו.

***<u>וזה תוכן הדברי תורה:</u>***

**די** וואך אין די פרשה, איז דאך די פרשה פון ברית מילה. דער אייבערשטער האט מצווה געווען אברהם אבינו ער זאל זיך מל'ן, התהלך לפני והיה תמים, דו זאלסט גיין פאר מיר, און דו זאלסט זיין תמים. ואתנה בריתי ביני ובינך (יז-א), און איך וועל געבן מיין ברית צווישן מיר און דיר, דער באשעפער האט כורת ברית געווען אויף מצות מילה.

**מען** האב נעכטן גערעדט, אז עס שטייט אין **בעלי תוספות** (ריש פרשת משפטים), א מעשה מיט א מלך, אז איינער האט געוואלט לערנען פון יודען חכמת התורה, איז ער געגאנגען און ער האט זיך גע'מל'ט. ווען ער איז צוריקגעקומען צום מלך, האט אים דער מלך געזאגט, דאס וואס דו האסט געוואלט לערנען די תורה פארשטיי איך, אבער פארוואס האסטו זיך געדארפט מל'ן? האט ער געזאגט, אז מען קען נישט פארשטיין קיין תורה, נאר אויב מען איז גע'מל'ט. מגיד דבריו ליעקב חקיו ומשפטיו לישראל (תהלים קמז-יט), ווער עס איז נימול אזוי ווי יעקב, דער פארשטייט תורה. ממילא אז איך האב געוואלט פארשטיין תורה, האב איך זיך געמוזט מל'ן. און מען זעהט אזוי בחוש, אז א גוי וואס איז נישט גע'מל'ט האט נישט קיין השגה אין תורה. א יוד, אפילו א קליין קינד וואס לערנט תורה, פארשטייט מער וויפיל א גוי פארשטייט תורה. ווייל מצות מילה גיט דעם כח אז א יוד זאל האבן א שייכות מיט די תורה.

**עס** שטייט אין מדרש (שמו"ר כח-א, ובירושלמי תענית ד-ה), ווען דער אייבערשטער האט געגעבן די לוחות פאר משה רבינו, זענען די לוחות געווען גרויס זעקס טפחים. צוויי טפחים האט משה רבינו איבערגענומען אין די הענט, צוויי טפחים פון די אנדערע זייט האט דער אייבערשטער געהאלטן אין די הענט, און צוויי טפחים איז געווען אינדערמיט צווישן משה און דעם אייבערשטען. אזוי שטייט אין מדרש.

**דער נזר הקודש** (פ' בראשית) איז מסביר, און ער זאגט, אז די תורה האט דריי חלקים. עס איז דא תורה שבכתב, נאכדעם איז דא תורה שבעל פה, נאכדעם איז דא סודות התורה. תורה שבכתב קען יעדער פארשטיין, עס איז איבערגעגעבן געווארן אין די הענט פון יעדן איינעם, אפילו להבדיל א גוי קען אויך פארשטיין תורה שבכתב. סודות התורה, דאס איז אין די הענט פונעם אייבערשטען, סוד ה' ליראיו (תהלים כה-יד), פאר צדיקים איז דער אייבערשטער מגלה סודות התורה, אבער די עצם סודות התורה דאס ליגט אין די הענט פונעם אייבערשטען. תורה שבעל פה, דאס איז אינדערמיט, צווישן דעם אייבערשטען און דעם מענטש. דער מענטש דארף זיך פלאגן אויף תורה, און נאכדעם לאוקמי גירסא סייעתא דשמיא (מגילה ו:), דער אייבערשטער העלפט אז ער פארשטייט. צוויי טפחים פון תורה איז געווען אין די הענט פון משה רבינו, דאס איז די תורה שבכתב. צוויי טפחים איז געווען אין די הענט פונעם אייבערשטען, דאס איז סודות התורה. תורה

שבעל פה, דאס איז אינמיטן דעם אייבערשטען מיטן מענטש. דער מענטש דארף טון זיינס, און נאכדעם טוט אים דער אייבערשטער חונן דעת זיין, אז ער פארשטייט תורה.

**צו** קענען תורה שבכתב, דארף מען נישט זיין גע'מל'ט, אפילו א גוי קען עס אויך פארשטיין. דעם חלק פון תורה שבעל פה, און אלע דרשות חז"ל וואס ליגט אין תורה הק', דאס דארף מען זיין גע'מל'ט כדי מען זאל קענען האבן א השגה אין די ווערטער פון די תורה. וועגן דעם ווערט עס אנגערופן תורה שבעל 'פה', ווייל פ"ה איז פינעף און אכציג, און מיל"ה איז אויך פינעף אכציג. ווייל צו קענען תורה שבעל 'פה', דארף מען זיין גע'מל'ט כדי מען זאל קענען האבן די השגה אין תורה.

**עס** איז דא א לשון אין די גמרא (גיטין ס:), לא כרת הקב"ה ברית עם ישראל, אלא בשביל דברים שבעל פה, שנאמר (שמות לד-כז) כי על פי הדברים האלה כרתי אתך ברית ואת ישראל. כריתת ברית פונעם אייבערשטען אויף די תורה, איז געווען אויף תורה שבעל פה. קומט אויס אז מצות מילה דאס גיט אז ווען א קינד ווערט ערוואקסן זאל ער קענען פארשטיין תורה שבעל פה, אויף דעם דארף ער האבן די מצוה פון מילה.

**האט** דער אייבערשטער געזאגט פאר אברהם אבינו 'התהלך לפני והיה תמים', זיי מקיים די מצוה פון מילה וועסטו זיין תמים. 'ואתנה', און דורך דעם וועל איך דיר געבן, 'בריתי', דער חלק התורה, וואס איז 'ביני ובינך', וואס איז צווישן מיר און דיר. עס איז דאך דא א חלק פון די תורה וואס איז אינדערמיט, פשטות התורה איז אין די הענט פון משה, סודות התורה איז אין די הענט פונעם אייבערשטען, תורה שבעל פה דאס איז ביני ובינך, צווישן מיר און דיר. דורכדעם וואס דו וועסט מקיים זיין מצות מילה, 'ואתנה', וועל איך דיר געבן, 'בריתי', דעם חלק פון תורה, וואס איז 'ביני ובינך', דער אייבערשטער האט כורת געווען א ברית אויף תורה שבעל פה, און דורך מצות מילה וועט ער זוכה זיין צו דעם חלק התורה.

**דער** אייבערשטער האט געהאלפן מען האט מכניס געווען א קינד בבריתו של אברהם אבינו, מען ווינטשט דאך אן, כשם שנכנס לברית כן יכנס לתורה, ווייל עס ווענדט זיך אין דעם. ברית און תורה גייט צוזאמען, דורכדעם וואס מען מל'ט א קינד, איז מען זוכה אז דאס קינד קען אויסוואקסן שפעטער א תלמיד חכם.

*

בשעות אחר הצהרים מסר **רבינו שליט"א** שיעור היומי בשלחן ערוך לתלמידי הישיבה גדולה.

אחר השיעור הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **אלכסנדר פליישמאן** ע"ה.

*

***יום שלישי פרשת לך לך***

אחר תפלת שחרית התקיים הברית של בן הר"ר **יהושע הערש גליק** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית השתתף בהסעודה, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**די** וואך אין די פרשה איז די מצוה פון מילה. דער אייבערשטער האט געזאגט פאר אברהם אבינו, התהלך לפני והיה תמים (יז-א). בעפאר ער האט אים געזאגט אז ער וויל אים געבן די מצוה פון ברית מילה, האט ער אים געזאגט א שטיקל הקדמה, התהלך לפני, גיי פאר מיר, והיה תמים, וועסטו זיין גאנץ. 'התהלך לפני' איז א שווערע לשון, וואס מיינט עס, גיי פאר מיר. רש"י טייטשט הדבק בעבודתי, זיי זיך מדבק אין עבודת ה', דאס איז די נקודה פון התהלך לפני.

**עס** קען אפשר זיין א ענין פארוואס ער האט דא געזאגט התהלך לפני. רש"י ברענגט צו אויבן אין די פריערדיגע פרשה (ו-ט), אז ביי נח שטייט אן אנדערע לשון פון וואס עס שטייט ביי אברהם אבינו. ביי אברהם אבינו שטייט (כד-מ) ה' אשר התהלכתי לפניו, און ביי נח שטייט את האלקים התהלך נח. נח היה צריך סעד לתומכו, נח איז געווען א צדיק, אבער ער האט נישט געהאט די אייגענע כוחות אנצוהאלטן זיין צדקות, דער אייבערשטער האט אים געדארפט זיין א סעד לתמכו. אזוי ווי א מענטש וואס קען נישט גיין אליינס, דארף ער האבן א שטעקן, צו

איינעם וואס ער כאפט זיך אן אין אים, ער זאל קענען גיין. את האלקים התהלך נח, דאס וואס נח איז געווען איש צדיק תמים היה בדורותיו, איז נישט געווען קיין אייגענע כוחות אינגאנצען, עס איז געווען את האלקים התהלך נח. אברהם אבינו האט געזאגט אשר התהלכתי לפניו, איך בין געגאנגען פאראויס פארן אייבערשטען, ער האט נישט געדארפט האבן קיין סעד לתמכו, עס האט אים גארנישט געשטערט, ער איז געווען גענוג שטארק ער זאל זיך קענען האלטן.

**עס** קען זיין, אז די נקודה וואס אברהם אבינו איז צוגעקומען צו אזא הויכע מדריגה, עס איז גענוג הויך די מדריגה פון נח, וואס את האלקים התהלך נח. די גמרא (קידושין ל:) זאגט דאך, אלמלא הקב"ה עוזרו לא היה יכול לו, יעדער האט א סעד לתומכו. אז אברהם אבינו זאל קענען צוקומען צו די מדריגה ער זאל נישט דארפן האבן קיין סעד לתמכו, דאס האט ער זוכה געווען ערשט נאך די ברית מילה. נאכדעם וואס ער האט זיך גע'מל'ט, איז אוועקגעגאנגען פון אים יעדע חלק הרעה וואס איז דא אין דעם מענטש, און וועגן דעם האט ער שוין נישט געדארפט האבן קיין סעד לתומכו.

**האט** דער אייבערשטער געזאגט פאר אברהם אבינו, ביז יעצט ביסטו אויך נאר געווען אזוי ווי נח, וואס את האלקים התהלך נח, דו דארפסט האבן א סעד לתומכו. אבער יעצט 'התהלך לפני', דורכדעם וואס דו וועסט מקיים זיין די מצוה, וועסטו קענען גיין לפני, דו וועסט קענען גיין פאר מיר, דו וועסט נישט דארפן האבן קיין סעד לתומכו.

*

**רש"י** (יז-ג) ברענגט צו, אז ווען דער אייבערשטער האט אים געגעבן דעם דיבור, ויפול אברם על פניו, ער איז געפאלן אויף זיין פנים. זאגט רש"י, אז אברהם אבינו ביז ער האט זיך נישט גע'מל'ט האט ער נישט געקענט שטיין אקעגן דעם אייבערשטען, ווען דער באשעפער האט זיך מגלה געווען פאר אים. שפעטער, ווען ער האט זיך גע'מל'ט, שטייט אין פסוק (יח-כב) ואברהם עודנו עומד לפני ה', דעמאלטס האט ער געקענט שטיין פארן אייבערשטען. און רש"י ברענגט צו, אז ביי בלעם געפונט מען אויך אזוי, אשר מחזה שד-י יחזה, נופל וגלוי עינים (במדבר כד-ד), ווען ער האט געהאט השראת השכינה האט ער זיך נישט געקענט האלטן, 'נופל' האט ער געמוזט פאלן, און אזוי איז געווען ביי אברהם אבינו.

**עס** שטייט אין **בעל הטורים** (שם), אז די סופי תיבות פון יחז'ה נופ'ל וגלו'י עינ'ים איז מיל"ה. דער רמז דערויף איז, אז עס האט אים געפעלט די מצוה פון מילה, און וועגען דעם איז געווען נופל וגלוי עינים. און אזוי אויך ביי אברהם אבינו ביז ער האט זיך גע'מל'ט, איז געווען ויפול על פניו ער האט געדארפט פאלן. יעצט אז ער וועט מקיים זיין מצות מילה, וועט ער קענען שטיין פארן אייבערשטען אן דעם וואס ער זאל פאלן.

**האט** דער אייבערשטער געזאגט, התהלך לפני והיה תמים, אז דו וועסט מקיים זיין די מצוה פון מילה, התהלך לפני, וועסטו קענען גיין פאר מיר, וועסט נישט דארפן פאלן. ווילאנג דו האסט זיך נאך נישט גע'מל'ט איז ויפול על פניו, אבער נאכדעם וואס דו וועסט מקיים זיין די מצוה, איז התהלך לפני, וועסטו קענען גיין פאר מיר, און עס וועט נישט זיין די בחינה פון נפילה וואס איז געווען בעפאר דו האסט זיך גע'מל'ט.

*

בשעות אחר הצהרים מסר **רבינו שליט"א** שיעור היומי בשלחן ערוך לתלמידי הישיבה גדולה.

אחר השיעור הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת פריעדמאן שיחיו, שישבו שבעה על פטירת אמם ע"ה (אלמנת הר"ר **אברהם אלי' פריעדמאן** ע"ה).

***מתוך השיחה:***

**א' האבלים:** דער טאטע איז געווען א תלמיד פונעם זיידען, און ער האט זיך געקאכט אינעם **סערדאהעלער רב זצ"ל**.

**רבינו:** דער זיידע איז געקומען קיין סערדאהעלי אלץ ראש בית דין. פאר דעם איז ער געווען רב אין די שטאט מעדיעש, און ער האט איבערגעלאזט די רבנות אין מעדיעש, צו ווערן א דיין אין סערדאהעלי, ווייל עס איז געווען א גרויסע שטאט, און מען האט

אים צוגעזאגט אז די ישיבה וועט זיין אונטער אים. ער האט געהאט א ישיבה אויך אין מעדיעש, אבער סערדאהעלי איז געווען א גרויסע שטאט, און דארט קען ער האבן מער תלמידים. איך מיין אז א חודש נאכדעם וואס ער איז אנגעקומען קיין סערדאהעלי (בחודש שבט תרפ"ה), איז דער רב נסתלק געווארן (בראש חודש אדר תרפ"ה). דער רב איז געווען **רבי שמואל לוי וויינבערגער זצ"ל**, ער איז געווען א איידעם ביי **רבי הלל קאלאמייער זצ"ל**. און ווען ער איז אוועק, איז געווארן צוויי פארטייען וועם מען זאל אויפנעמען אלץ רב. דער חסידישער עולם האט געוואלט ענדערש דעם זיידען, און דעמאלטס האט זיך עס צוטיילט אויף צוויי קהלות. דער חסידישער עולם איז געגאנגען עקסטער, און דער שטאטישער עולם איז געבליבן. רבי שמואל לוי'ס זון (**הגה"צ רבי הלל וויינבערגער זצ"ל**), האט איבערגענומען די שטאטישע קהלה, און עס האט זיך אפגעטיילט א צווייטע קהלה וואס דער זיידע איז געווען דארט רב. ביידע האבן געהייסען עמטליך רבנים אין די שטאט, דאס הייסט אז מען האט נישט געקענט טון אין די שטאט א ציבור'ישע זאך, אזוי ווי שחיטה און עירובין, אן דעם וואס מען האט געהאט א הסכמה פון ביידע רבנים. אין פאפא איז אויך אזוי געווען. דער **ויגד יעקב** איז נישט געווען רב אין פאפא, עס איז געווען א עקסטערע קהלה פאר זיך וואס האט געהייסען 'עץ חיים', וואס זיי האבן אים אויפגענומען אלץ רב. למעשה האבן ביידע געהאט ישיבות (בסערדאהעלי).

**א' מהנוכחים:** עס איז געווען א מחלוקת צווישן זיי?

**רבינו:** אפענערהייט איז נישט געווען קיין מחלוקת. ווען רבי הלל האט געמאכט א ברית, האט ער מכבד געווען דעם זיידען מיט סנדקאות אדער מיט מוהל'שאפט. עס איז דא א בילד פון רבי הלל מיטן זיידען ביי א ברית, רבי הלל גייט מיט א שטריימעל, און דער זיידע מיט א הוט. - נאך אלעם זענען ביידע אנגעקומען קיין אושוויץ אינעם זעלבן וואגאן...

**א' מהנוכחים:** דער זיידע איז געווען א בעלזער חסיד, און רבי הלל איז געווען א מונקאטשער חסיד.

**רבינו:** דער זיידע איז געווען א תלמיד פונעם **ערוגת הבשם**, און דער ערוגת הבשם איז געווען א בעלזער חסיד, און ווען דער ערוגת הבשם פלעגט צו פארן אויף א שבת אדער א יום טוב, פלעגט ער מיטנעמען די בחורים מיט זיך, און פון דארט איז ער נתקרב געווארן צו בעלזא. דער ערוגת הבשם איז קודם געפארן קיין שינאווא, און ווען דער **שינאווער רב** איז אוועק, האט ער אנגעהויבן צו גיין קיין בעלזא. און דער זיידע איז אויך קודם געווען אין שינאווע, און נאכדעם איז ער אריבער קיין בעלזא. ער איז געגאנגען בדרכו פון זיין רבי'.

**א' מהנוכחים:** דער מונקאטשער רב האט נוטה געווען אויף רבי הלל'ס זייט, און נאכדעם, ווען דער זיידע איז ארויס אקעגן די אגודה, האט ער חוזר געווען (עיין בהקדמת **שו"ת ולאשר אמר**).

*

בשעות הערב התקיים בבית **רבינו שליט"א** מסיבת לחיים לרגל האירוסין של בת הר"ר **אהרן יוסף דאסקאל** הי"ו, עב"ג **אהרן קארן** הי"ו.

*

***<u>יום רביעי פרשת לך לך</u>***

אחר תפלת שחרית התקיים הברית של בן הר"ר **מאיר סאלאמאן** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית השתתף בהסעודה, ונשא מדברותיו.

***<u>וזה תוכן הדברי תורה:</u>***

**די** וואך אין די פרשה, איז די מצוה פון ברית מילה. דער אייבערשטער האט געזאגט פאר אברהם אבינו, התהלך לפני והיה תמים, ואתנה בריתי ביני ובינך (יז-א). אין די גמרא (נדרים לב.) שטייט, אז ווען דער אייבערשטער האט געזאגט פאר אברהם אבינו התהלך לפני והיה תמים, אחזתו רעדה, האט אים אנגעכאפט א ציטער, שמא יש בי דבר מגונה. התהלך לפני והיה תמים איז דאך טייטש, אז איך האב א דבר מגונה וואס איך בין נישט גאנץ. כיון שאמר לו ואתנה בריתי ביני ובינך, נתקררה דעתו, האט ער זיך בארוהיגט. עס דארף האבן א ביאור פארוואס האט ער זיך בארוהיגט. עס איז דאך טאקע א דבר מגונה, מאוסה היא ערלה רופט עס אן די גמרא (שם לא:), ערלה איז מאוס, און ווייל ער האט אים געזאגט ואתנה בריתי ביני ובינך, איז שוין געווארן אויס דבר מגונה?

**באמת** שטעלן זיך די מפרשים אויף נאך א דיוק. אברהם אבינו האט מקיים געווען אלע מצות שבתורה פאר מען האט אים מצווה געווען, פארוואס מצות מילה האט ער נישט מקיים געווען פריער. און

די קשיא גייט נאך טיפער, אברהם אבינו איז געווען אן ערל כמעט הונדערט יאר, אין אלע הייליגע ספרים שטייט, אז מען קען נישט צוקומען צו קיין שום מדריגות אין קדושה ביז מען איז נישט גע'מל'ט. ווי אזוי קען זיין אז אברהם אבינו וואס איז נתנסה געווארן בעשרה נסיונות, ער האט זיך געלאזט אריינווארפן אין אור כשדים, ער האט מפרסם געווען אמונת אלקי עולם, און ער איז געווען אן ערל, ער איז נישט געווען גע'מל'ט. ווי אזוי האט ער געקענט זוכה זיין פאר מצות מילה, ער זאל קענען צוקומען צו די אלע מדריגות וואס אברהם אבינו איז צוגעקומען?

**עס** קען אפשר זיין, איך האב געזעהן צוברענגען פונעם **כלי חמדה** (בפרשתנו), אז ווען דער באשעפער האט געגעבן פאר אברהם אבינו די מצוה פון מילה, שטייט אין פסוק (יז-ד) ויפול אברם על פניו, ער איז אראפגעפאלן אויפן פנים. זאגט רש"י, אז ביז ווילאנג ער האט זיך נישט גע'מל'ט, האט ער נישט געהאט קיין כח צו שטיין פארן אייבערשטען, ווען דער אייבערשטער האט זיך באוויזן צו אים, ויפול על פניו. אבער נאכן ברית מילה, איז אברהם עודנו עומד לפני ה' (יח-כב), דעמאלטס האט ער געקענט שטיין. די מפרשים אויפן פלאץ שטעלן זיך, אין אנהייב פון די פרשה שטייט אז דער אייבערשטער האט גערעדט צו אברהם אבינו לך לך מארצך וממולדתך וכו', פארוואס שטייט נישט ויפול על פניו, עס איז דאך געווען פאר ברית מילה, און דא שטייט ויפול על פניו, דא איז ער געפאלן. פארוואס איז ער נישט געפאלן ווען דער אייבערשטער האט אים געזאגט לך לך מארצך.

**זאגט** דער כלי חמדה זייער א שיין ווארט. אין די גמרא (יבמות עא.) שטייט, א ערל שלא בזמנה האט נישט דעם דין פון קיין ערל. א קינד וואס איז געבוירן, פאר די אכט טאג, וואס ער איז נאך נישט מצווה געווארן אין מילה, ווערט ער נישט גערעכענט ווי קיין ערל. למאי נפקא מינה, די הלכה איז, אז א טאטע וואס האט א קינד א ערל, קען נישט עסן פונעם קרבן פסח, מילת בניו מעכבתו. אבער אויב עס איז אים געבוירען א קינד פאר פסח, און עס איז נאך פארן אכטן טאג, קען ער עסן דעם קרבן פסח. איי ער האט דאך א קינד א ערל, אבער ער האט נישט קיין דין פון קיין ערל ביז דעם אכטן טאג.

א ערל טאר נישט עסן קיין תרומה, און מען טאר אים נישט איינשמירן מיט קיין תרומה, ווייל סיכה איז כשתיה. פרעגט די גמרא א תינוק וואס איז געבוירן געווארן, צו מען מעג אים איינשמירן מיט שמן של תרומה? זאגט די גמרא, יא, ווייל ער האט נאך נישט קיין דין פון קיין ערל ביז מען מל'ט אים נישט. ווייל א ערל שלא בזמנה האט נישט קיין דין פון קיין ערל. די גמרא רעדט אקעגן די אכט טאג, אז ביז די אכט טאג איז ער נישט קיין ערל.

**זאגט** דער כלי חמדה, ווילאנג דער אייבערשטער האט נישט מצווה געווען אברהם אבינו אויף מצות מילה, איז ער א ערל שלא בזמנה. עס איז נאך נישט געקומען דער זמן וואס ער דארף זיך מל'ן, ער איז נאך נישט מצווה געווארן אין מצות מילה. אז מען איז נישט מצווה געווארן אין מצות מילה, האט ער נישט קיין דין פון קיין ערל. דער דין פון ערלות הייבט זיך ערשט אן נאכדעם וואס מען איז מצווה געווארן אין מצות מילה, אבער אז אברהם איז נאך נישט מצווה געווארן אין מצוות מילה, איז פונקט ווי א קינד פאר די אכט טאג הייסט נישט קיין ערל, איז אברהם אבינו ביז מען האט אים נישט געהייסן מל'ן, איז ער נישט קיין ערל.

**זאגט** דער כלי חמדה, איז דאך ממילא זייער גוט, ווען עס איז געווען לך לך מארצך, און דער אייבערשטער האט אים נאכנישט מצווה געווען אויף מצות מילה, איז ער דאך נישט קיין ערל, און אז ער האט נישט קיין דין פון קיין ערל, האט ער געקענט שטיין פארן אייבערשטען. אבער יעצט ווען דער אייבערשטער האט אים געזאגט, התהלך לפני והיה תמים ואתנה בריתי ביני ובינך, ער האט אים מצווה געווען אויף מילה, איז אין די רגע וואס ער איז מצווה געווארן אויף מילה, האט ער באקומען א דין פון ערל, ער האט זיך נאך נישט גע'מל'ט, איז ויפול על פניו, האט ער זיך נישט געקענט האלטן.

**על** כל פנים וואס מען זעהט פון דעם כלי חמדה, אז ביז אברהם אבינו איז מצווה געווארן אויף מילה, איז נישט דא קיין ערלה. עס איז נישט דא קיין מאוסה היא ערלה, עס האט נישט קיין דין פון ערל, ווייל ער איז דאך נאך נישט מצווה געווארן אויף מילה. א ערל איז זיך מחויב צו מל'ן, אבער אז ער האט נאך נישט קיין דין פון קיין ערל, איז נישט דא אויף אים קיין

חיוב פון קיין מילה. און אז עס איז נישט דא קיין חיוב פון מילה, הייסט ער נישט קיין ערל. אברהם אבינו האט נישט געקענט מקיים זיין די מצוה פון אראפנעמען די ערלה עד שלא ניתנה, ווייל ערלה האט נישט געהייסן קיין ערלה אז עס זאל זיין מאוס, ביז מען איז נישט מצווה געווארן אויף די מצוה פון מילה, און ממילא איז נישט שייך געווען ער זאל קענען מקיים זיין די מצוה. נאר יעצט ווען מען האט אים מצווה געווען די מצוה פון מילה, יעצט אז עס איז דא א חיוב פון מילה, איז ער געווארן א דין פון א ערל. אבער פאר דעם, איז ער אזוי ווי א ערל שלא בזמנה. פונקט ווי פאר די אכט טאג דארף ער זיך נישט מל'ן, איז אברהם אבינו ביז יעצט, האט ער נישט געקענט מקיים זיין מצות מילה, ווייל ער איז נאך נישט מחויב געווארן.

**אמת** ווילאנג א מענטש איז א ערל, קען ער נישט צוקומען צו די אלע מדריגות וואס א יוד דארף צוקומען, נאר ווען מען מל'ט זיך דעמאלטס איז מען זוכה צו תורה מיט אלעם וואס עס שטייט שוין אין הייליגע ספרים. דאס איז אלץ ווען מיר זענען שוין מצווה אויף מילה. אבער אברהם אבינו וואס איז נישט געווען מצווה אויף מילה, האט נישט געהאט קיין דין פון קיין ערל די ערשטע הונדערט יאר ביז ער האט זיך נישט גע'מל'ט. קומט אויס, אזוי ווי לאחר המילה האט ער געקענט צוקומען צו אלע מדריגות איז ער געווען א תמים, איז ער געווען פאר דעם אויך א תמים. איז ביי אברהם אבינו נישט געווען קיין חסרון וואס ער איז געווען אן ערל ביז יעצט, ווייל ער האט נישט געהאט קיין דין פון קיין ערל, ווייל ער איז אזוי ווי א ערל שלא בזמנה.

**דער** אייבערשטער האט געזאגט פאר אברהם אבינו התהלך לפני והיה תמים, דו ביסט א ערל, און עס איז א דבר מגונה, און מען דארף עס אוועקנעמען, קומט דאך אויס, האב איך דאך געלעבט די הונדערט יאר מיט א דבר מגונה. אחזתו רעדה, שמא דבר מגונה יש בי, איך האב א דבר מגונה. אז מען הייסט מיך מל'ן איז דאך א סימן אז א ערל איז א דבר מגונה, נו האב איך אזויפיל יארן געלעבט מיט א דבר מגונה. אבער ווען דער אייבערשטער האט אים געזאגט, ואתנה בריתי ביני ובינך, אז דאס וואס דו ביסט א ערל דאס הייבט זיך ערשט אן נאר יעצט, ווייל יעצט געב איך דעם ברית ביני ובינך. פון ווען דו ביסט מצווה אין דעם ברית, פון דעמאלטס אן איז מען א ערל, קומט אויס נתקררה דעתו, האט ער זיך בארוהיגט, ווייל די אלע יארן ביז יעצט איז ער נישט געווען קיין ערל, ווייל ער איז דאך געווען א ערל שלא בזמנה, איז נישט דא דערביי קיין דין פון ערלות.

*

בשעות הערב הגיע **רבינו שליט"א** לסידור קידושין אצל החופה של בן הרה"ג רבי **יחיאל מיכל ניימאן** שליט"א, עב"ג בת הר"ר **שמחה האלפערט** הי"ו, שהתקיים באולם כתר ריזל.

אחר החופה התקיים בבית **רבינו שליט"א** האפשערן של בן הר"ר **יהושע נחמן שפיץ** הי"ו.

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ועלה לבית הר"ר **מענדל שטיינער** הי"ו, שהשתתף בסכום עצום לבניית בנין הישיבה גדולה ההולך ונבנה בשכונת איסט-פלעטבוש לשם ולתפארת.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בן הרה"ג רבי **ליפא זילבערמאן** שליט"א מראצפערט, שהתקיים באולם לעגעסי.

אחר כך חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל החתונה של בת הר"ר **משה בנימין הויער** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **הערשל לאנדא** הי"ו, שהתקיים באולם ויואל משה. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר מעריב חזר **רבינו שליט"א** להחתונה של בן הרה"ג רבי **יחיאל מיכל ניימאן** שליט"א, ורקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***<u>יום חמישי פרשת לך לך</u>***

בשעות לפני הצהרים הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל הר"ר **זונדל ביניק** הי"ו, שישב שבעה על פטירת אמו ע"ה (אלמנת הר"ר **יצחק ביניק** ע"ה).

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל הברית של בן הר"ר **יונה** (ב"ר משה) **לעפקאוויטש** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם.

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** לישיבה קטנה והתפלל תפלת מנחה, ומסר שיעור השבועי **באור החיים הק'**.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעור השבועי **באור החיים הק'** בבית מדרשנו זכרון יהודה.

*

***שבת קודש פרשת לך לך***

בליל שבת קודש ערך **רבינו שליט"א** באטע בבית המדרש סאמבאטהעלי. **רבינו שליט"א** השמיע דברי תורה בעניני הפרשה. בברכת המזון נתכבד **הרה"ג רבי יואל משה מרדכי שליט"א**.

בסעודה שלישית כיבד **רבינו שליט"א** את **הרה"ג רבי שמחה אהרן שטראהלי שליט"א** דומ"ץ דקהלתנו הק' בוומסב"ג בברכת המזון.

אחר מעריב נכנס **רבינו שליט"א** בחדרי בית שמחה ובית מאיר בעת לקיחת הבחינות על חומש רש"י שע"י מסגרת '**תורה שבכתב**', לבחורי חמד דקהלתנו הק'.